פאריז, יאנואר, 1963

שפּילקעס

נומער 11

סאַטירישער חודש־זשורנאַל דערשיינט מיט רעגלמעסיקער פארשפעטיקונג יעדן חודש
רעדאַקטאָר א. א. ליבערמאַן

נבואות פאַרן יאָר 1963

איבערגעגעבן דורך אונזער מיטאַרבעטערין אירמאַ די שטערן־זעערין

ס'איז שוין איצט פאר קיינעם קיין סוד, אז דאס יאר 1962 איז אוועק עס איז א ניי יאר — וואס טראגט דעם נומער 1963 — און עס וואלט געווען א פעלער פון אונזער זייט אז א צייטונג ווי „שפּילקעס" זאל נישט קענען אנגעבן גענוי וואס עס וועט פארקומען אין קומענדיקן יאָר.

מיר האבן דעריבער באזוכט אונזער מיטארבעטערין אירמא די שטערן־זעערין און פארלאנגט זי זאל אונז אנגעבן אלע וויכטיקע אינפארמאציעס וועגן יאר 1963.

אירמא האט אנגעשטעלט דעם טעלעסקאפ זי האט א לאנגע ווײַלע באטראכט דעם הימל און דערקלערט אט־וואס:

אירמא — דאס יאר 1963 וועט זיין ווייער לאנג, עס וועט ציילן 365 טעג און פונקט אזוי פיל נעכט. א חוץ פאר די וואס קענען נישט שלאפן ביינאכט. איר הערט מיך מיט קאפ?

מיר — מיר הערן אייך מיט קאפ אבער נישט די צאל טעג אינטערעסירט אונז זאגט אונז עפעס וועגן אינטערנאציאנאלע געשעענישן

אירמא. — אויפן אינטערנאציאנאלן געביט וועלן פארקומען וויכטיקע געשעענישן.

מיר — דהיינו?

אירמא — ברושטשעוו וועט אנזאגן יוילשטאנד פארן רוסישן פאלק אין 20 יאר ארום

מיר: — דאס האבן מיר שוין געהערט.

אירמא: — דער קאסטרא ־ רעזשים וועט ווערן אומגעווארפן און אויב מען וועט עס נישט טאן איז עס בלויז אייס מיראַ פאר קענעדי

מיר — מילא

אירמא — יא נאך עפעס איך זע נאך עפעס.

מיר — א וויכטיקע זאך?

אירמא — שוין עפעס מער ווי וויכטיק איך זע א נייעם אינצידענט מיט קאסטרא. קענעדי וועט אים שטעלן א באדינג אז ער זאל זיך לאזן פארבי־באַרד און נישט לאזן זי אזוי רייך ווי זי איז איצט ווייל נאכדעם וואס ברושטשעוו האט אים אפגעטאן טאר ער נישט בלייבן ביי זיין רויטער באַרד

מיר — באמנית ווי ווערעבט נו?

אירמא — נו־נו עס וועט הימען צו א הרבם אז ער וועט צוזאגן זיך אפציפארבן די באַרד אויף געל כדי נושא חן זיין ביי מאא טסע טונג.

מיר — וואס ווייזן אייך די שטערן מבוח ישראל?

אירמא. — דער „בונד" וועט אנהייבן אן אקציע פאר פארבאטן צו רעדן און שרייבן העברעאיש און אלע לענדער מחוץ ישראל — אביבע מען וועט זיי נאָגעבן אין יידיש וועט ווערן די אפיציעלע שפראך פון ישראל.

מיר: — וואס נאך?

אירמא — די שטערנס ווייזן אן אינוואזיע אויף ישראל..

מיר — וואס ? ?

אירמא — פון טוריסטן און נייע עולים.

מיר — און דא אין פאריז?

אירמא — עס וועט זיין א יידיש טעאטער עס וועלן זיין יידישע אקטיארן. נאר שפילן וועט מען נישט. א חוץ דעם ווייזט אונז איינער פון די שטערנס אז די צייטונג „פאריזער שפּילקעס" וועט האבן א פראצעס.

מיר: — פארוואס?

אירמא: — פארן שרייבן דעם אמת.

מיר — ווער וועט זיין דער וואס וועט אנקלאגן?

אירמא: — דאס ווייזט נישט דער שטערן. ס'איז א קופּ־נער שטערן.

מיר — און ווייטער?

אירמא — ווייטער וועט ארויסקומען א געזעץ אז נישט בלויז אויטאמאבילסטן וועלן דארפן א פערמיט צו פירן אן אויטא נאר אויך די פוסגייער וועלן דארפן א דערלויבעניש צו גיין צופוס נאכדעם ווי זיי וועלן באלייגן אן עקזאמען.

מיר — און ווייטער ווייטער?

אירמא — איילט אייך נישט אזוי עס ברענט נישט ווייטער זע איך נאך א פראצעס.

מיר: — נאך?

אירמא: — יא די נייע פרעטע וועט זיך ווענדן צו די מעות־געבנדיקע ייריזן מען זאל איר העלפן רעגולירן די סומע וואס לעגעמאן מאנט זיך

נישט אַזוי גוט און נישט אַזוי שלעכט

דעם וויצע־מיניסטער פאר זיכערקייטס־ענינים ה' שמעון פרס, איז אויסגעקומען ארויסצוטרעטן מיט א רעפעראט אין תל־אביבער קלוב פאר יעזערשאפטלעך פאליטישע ענינים. האט דער פארזיצער פון אוונט בנמת־עפוטאט — יוסף סערלין און זיין פארווארט געזאגט: ה' פרס דארף מען נישט פארשטעלן. ער באשעפטיקט זיך טאקע מיט געהיימע מאטעריאלן זיין פרזענלעכקייט איז אבער ווייט נישט קיין געהיימע — אים קען די גאנצע עפנטלעכקייט.

האט דערויף ה' פרס געענטפערט מיט א קורץ מעשהלע:

א גבאי אין א געוויסן שטעטל — האט ער געזאגט — איז אמאל איינגעפאלן צו פייערן א יובילעי. זענען זיך צונויפגעקומען אלע איינוווינער פון שטעטל און געבומען באשיטן ווייער גבאי מיט ברכות און לויב־געזאנגען

— איר ווייסט וואס איך וועל אייך זאגן? — האט זיך דער גבאי לטוף צעשמייכלט — איך בין נישט אזוי גוט און נישט אזוי שלעכט ווי איר טראכט

וואָס זאָגט איר צו מ'ין נ'יע פּרנסה?

א מאָנאָלאָג פון איציק שפּיציק

מזל־טוב ! איך בין שוין פאַרזאָרגט מיט פּרנסה אויף לעולם ועד וואָס־דען ? מען דאַרף נאָר האָבן די „סמיקאַליקע" און ווייטער גאָרנישט. אז מען האָט א קאָפּ דער עיקר איז א קאָפּ איז מען שוין פאַרזאָרגט מיט אַלעם גוטן. מען דאַרף נישט מער ווי איין גליקלעכן איינפאַל און דאָס שטעלט איך אויף די פיס אפילו ווען איר שטייט אויפן קאָפּ.

איר ווילט וויסן ווי אזוי ? הערט־זשע מים קאָפּ : איך האָב באַשלאָסן צו באַגיין א גנבהלע אדער סתם א שווינדל. נישט קיין נפקא מנה וואָסער שווינדל, אבער צום בעסטן און צום זיבערסטן איז צו באַשווינדלען א יידישע אינסטיטוציע. זיך צוכאַפּן צו א קאַסע ווי לאָמיר זאָגן פון קרן א סוד מאַכן דאָרט א גראַביאַזש — און... פאַרשטייט זיך אז דאָס מוז געמאַכט ווערן גנבהש דאָס הייסט, אז מען זאָל אייך נישט כאַפּן ביי דער האַנט — און נאָכדעם אַרומגיין זיך איינהאַרבן וואָס מענטשן רעדן וועגן מיר. איך נעם צונויף א 20 יידן וואָס זאָגן אויף מיר אז איך בין א גנב. גיב איך זיי א קלאָג און אין געריכט אין הייסט מיר פון יעדן באַצאָלן 10 מיליאָן פראַנק שאָדנערזאַץ. האָב איך שוין א קימאַ'לן ווי 200 מיליאָן „ריינעם" ריוח... מה יש ? גלאָבקען האָט געפּאַסט אַנצוקלאָגן א מענטש וואָס האָט אים געזאָגט אז ער איז א יעיועיגער נאַצי און מיר נישט ?

אבער דאָס איז נאָך נישט גאָר געפער־

טעד יונגן איך ווער זיין האָבן איינקאַסירט (מיט א גאַפּ) די 200 מיליאָנדלעך יוב איך מיר אוועק דאָס געלט אויף פּראַצענט — פאַרשטייט זיך, אז נאָר צו ערלעכע מענטשן נישט צו קיין גנבים — און איך נעם זיך דאַן לייענען צייטונגען ווי טייך וועל איך נישט געפינען באַמט איינמאָל אין א חודש אן אַרטיקל וווּ עס רעדט זיך וועגן גנבים ? וועל איך באַלד נעמען א גוטן א פּיפּיק א'וואָקאַט און דייסן אים פאַרפירן א פּראָצעס. דער אדוואָקאַט יועט בלויז דאַרפן באַווייזן אז דאָרט ווו מען רעדט וועגן א גנב מיינט מען זיכער מיך און הייסן זיך ווידער באַצאָלן 10 מיליאָן שאָדנערזאַץ און אזוי ווייטער און ווייטער און ווייטער.

איבעריק צו זאָגן אז אין אזא פאַל וועט איך האָבן גענוג געוויסן און גענוג מענטשלעכקייט אז איך זאָל די דאָזיקע אינסטיטוציע, ווו איך האָב געגנבעט נישט פאַרשעמען חלילה. נאָר וועל זיך ווייטער לאָזן אויסצאָלן מיין חודשלעכע ששאַלאַזאַניע... פאַרוואָס זאָל איך פאַרשעמען א יידישע אינסטיטוציע ?

קינדערלעך, איר ווילט האָבן א געזונטע און בבוודיקע פּרנסה פאָלגט מיין עצה וועט איר זיין גוט אויף יענער וועלט און אויף יענער וועלט

מיט אזא פידל וועט זיין שווער צו שפּילן

ס'איז געווען שיין — ס'וואָלט געווען שיין — ס'וועט זיין שיין

מירן ראטעווען דאס יידישע טעאטער

(א בײַז אנשיקעניש אין מערערע המשכים)

א קאנפערענץ א־ום א רונדן טיש, ווי עס זיצן א־ום א פּאַרציזער מינ 9 דעלעגאטן: פּרעזידענט פון פּאָלאָווערס, פּרעז. פון צוקונפטיקע אקטיארן; פּרע־זידענט פון סובווענץ־קאָמיטעט אין זאַנ־ סאַציאַל, פּרעז. פון אויפגעקומענע גבירים; פּרעזידענט פון דערד־פּאַר־שפּילערס; פּרעז. פון רעדנער־פּאַריין; פּרעז. פון חסד של אמת; פּרעזידענט פון כלל־טוערס און פּרעזידענטן פון פּאַריין פון געווו קימפּעטאַרינס.

דער פּאַרזיצער עפנט · האָד־געער־טע פאַרזאַמלונג מיר עפענען היינט איף די 275־טע קאַנפערענץ פאַר ראַ־טעווען דאס יידישע טעאטער.

פּרעז פון כלל טוערס — פּאַרוואָן די 276־טע. (פּאַרהיקעט זיך בס־ר)

פּאַרזיצער — א דאנק דעם חשוב; ־עלעגאַ. פאַר האָבן מיך דערמאנט — סאיז טאקע די 277־טע. ראוט מען איך זאגן אז מיר האבן א רעכט צו זיין שטאלץ אויף דער שוין ביז איצט אפגע טוענער ארבע.. מען קאן זאגן אז אַ־ חוק טעאטער. האָבן מיר שוין כמעט אַלץ געשאַפן

פּרעז פון כלל־טוערס — וואס האט איר געשאפן ?

פּארזיצער — מיסיע איך בעט מיר נישט איבערצורייסן !

פּרעז פון כלל טוערס — איך בעט א ווארט אויף א האלבע שעה איך וויל מיך עקספּליקירן

פּאַרזיצער — שפּעטער. בכלל פּאר־שטייט איר נישט די וואס האבן נישט קיין געדולד ! וואס איז די וואַיילעניש מיטן יידישן טעאטער ? ווי ברענט ?! אויב מיר זאלן נעמען א ביישפּיל פון אונזער לאנגער פארגאנגענהייט אז פון אברהם אבינו ביז אברהם גאָלדפאַדען איז כלל־ קיין טעאטער נישט געווען — נו ? האט מען נישט געלעבט ? וואס איז די טראגעדיע ווען עס וועט געדויי־ערן נאָך א בידיי הונדערט יאר ? ניין פּרווינדע פון א יעניש קומט קיין גוטס : עס ארויס מיר זעגען זיך היינט צו־ זיפגעקומען גרינדן דאס יידישע טע־אטער דורך צוליגן נאך א ציגל צו דער גרויסער קאָמיעניצע וואס רופט זיך יידיש טעאַטער — נאָר מיט ציגל קאָן מען בויען לענעמאו האט עס באוויזן אבער מען טאָר נישט ווערן נערוואווע מען טאָר נישט פאַרלירן די געדולד. איך בין איבערצייגט אז אין איינעם פון די קומענדיקע דורות וועט דאָס יידישע טעאטער געשאפן ווערן. אונזער חלום וועט פארווירקלעכט ווערן כדי אריינ־צוברענגען אן אפּטימיסטישן טאָן אין דער קאָנפערענץ גיב איך שוין איבער דאָס וואָרט דער פּרעזידענטין פון פּאַר־איין פון געוועזענע קימפּעטאַרנס (פּאַר־נויגט זיך פאר דער פרוי) ביטע איר האט דאָס וואָרט (ער זעצט זיך אוועק און ווישט זיך דעם שווייס).

פּרעז פון כלל־טוערס : — איך האָב...

פּאַרזיצער — שפּעטער.

געוו קימפּעטאָרן — טייערע בירגער איך וויל זיין קורץ... איך האב מורא פאר צוויי זאכן — פאר א זיבעלע און פאר מפלען. אויב איר וועט שלעכט שוואַנ־גערן מיטן טעאטער אויב דאָס קינד וועט חלילה ליגן פּאָפּעריק וועט עס אן א קייזערשניט נישט גיין — און דאָ קאָנט איר די שעה זאל נישט זיין פאַרלירן נישט בלויז דאס טעאטער נאר אפילו די קימפּעטאַרן אויך במילא די טריפּע אייך. אויב מען גיט היינט א קוק אריין אין זייגל סיהייסט אין דער קאסע פון טעא־טער איז אפילו נישטאָ אויף קיין מאמ־קע. און דעם עולם וועט איר מיט קיין קלעטשטשעס נישט ארויסציען פון זייערע היימען דעריבער מיין איך אז אנשטאָט צו רעדן וועגן ווייען איז בעסער צו רע־דן וועגן נאכווייען — דאס הייסט. לאמיר זיך פארטראכטן וועגן רעפּערטואר איך פארענדיק מיט א רוף · נעמט ארויס די סמאטשקעס פון אייערע מיילער זייט רעאליסטיש און נעמט א ביישפּיל פון אונז געוועזענע קימפּעטארנס וואס האבן זיך קיינמאל נישט אפּגעשטעלט פאר דיי־שום קרבנות הערט אויף מיט אייער רינטמלעכער נארישקייט איר מוזט געבן א ברוסט איך האב געענדיקט

100 נומערן פאַלקס-געזונט

אינזער ארעמענס באליבטער דר לייב קירלאנד ווען איך זאל אינזער מיין איך בלויז די געזונטע מענטשן) האט מזכה געווען די וועלט מיטן הונדערטסטן נומער «פאָלקסגעזונט» און ער זיצט איצט אין זיין מעדיציניש קאבינעט און וואַרט אז די וועלט זאל זיך א גרייסל טאָן. ווייל פּאָרט ווי זאָגט מען עס א ציישונג וואָס ווי ער אליין שרייבט אין זיין הקדמה ווי ער באווונדערט זיך מיט אי פארענדיקט מיט אזעלכע פערלדיקע ווערטער

זאָל דערמעגלעכט ווערן אז דאָס לייט טערע שיין־שרייבערישע סאניטאר־אייפקלערערישע און קולטורעלע יידישע ווארט זאל ארייננדרינגען אין אלע יידישע הייזער צום שבח פון דער יידישער פאלקס־מעייצין צום וויי פון אינזער שוועריוועספּריווטן פאָלק

זאל אונז דעריבער דערלויבט זיין צו מאכן א באמערקונג דעם חשובן דר ליר־ יד אייב עס ווייט איך טאקע אין ליכן צו זארגן פארן וועזנס פון יידי־שן פאָלק ווייל איר ווייסט טאקע פאַרדיר נען דעם ווייל פון גאנצן יידישן פאָלק — פון ניו־יאָרק ביז אילת — ווייסט איר דאך אז דאקטוירים הייסן לאכן נא פאַריזאָס גיט איר נישט בעסער ארויס א הומאָריסטישן קינדאס אנשטאָט עצות פון דאָקטוירים צו וועל־כע מען קען יא האבן צוטרוי אָדער נישט א הומאריסטישע ציישונג איז דאָך דאס זיכערסטע אין בעסטע מיטל פארן געזונט פון יידישן פאָלק.

עס איז נאָך נישט צו שפּעט. איר האָט ארויסגעגעבן 100 נומערן פאַלקס־געזונט — געניג גיט איצט ארויס 100 נומערן דער לץ אלע עצות פאר אלע קראנקהייטן קען מען געפינען אין די 100 נומערן פאלקסגעזונט איז סטאָפּ ! ווילט אינז פּוי צט און מיט אייער דיי־מאר א ר רעכט עס אנדיסן די אלט־נייעסטע ווילמעטאדן פון יא געועי־יואל אדער באסא נאיוא

MEDECIN MALGRE LUI

נישט מיט וויינען נאר מיט לאכן... וועלן מיר די וועלט איבערמאכן

מירן ראטעווען דאס יידישע טעאטער

([illegible])

פארזיצער — (צו דער קימפעטאדן) נעמט אן אונזער אלעמענס דאנק פאר אייערע קלוגע און באלערנדיקע ווערטער. דאס ווארט מאקומט איצט דער פרעזידענט פון טריקא. ער איז נישט קיין הירגער ער איז פון גאנא.

פרעז פון כלל־טוער — איר וועט מיר ענדלעך געבן א ווארט צו...

פארזיצער — שפעטער (צום טריקאטאזשניק) ביטע שפרעכט.

טריקאטאזשניק — שערס אמי איך וועל זיך קורץ.

פרעז פון כלל־טוערס — אפשר קאנט איר איינגאנצן נישט רעדן ?

טריקאטאזשניק — (נעמט ארויס א סטילא און פארצייכנט) א טעאטער, זאגט איר ? פורקוא פא ? וואס דארף עס קאסטן ? רעקלאמע — 150 טויזנט, (ער פארשרייבט) דער זאל — 40 טויזנט רעקוויזיטן — 50 טויזנט 12 אקטיארן מיט אקטריסעס וואס דארפן עסן... — 240 טויזנט ... יעט ... אין דער קאסע ווי ... — 60 טויזנט מאכט עס אייך צוזאמען 540 טויזנט אויף דעם וואס דאס פובליקום וועט א־ריינבו־ענגען גאר מען ניטם אויטרעכענען. איך קאן אייך צישנייער געבן צו יעדנער פארשטעלונג א פערטל מי־ליאן פראנק, אבער אזוי ווי איך ווייס אז קיינער וועט אייך נישט געבן דעם רעשט — גיב איך אייך גארנישט און דערמיט האב איך געענדיקט.

פארזיצער . — מיר האבן נישט קיין ווערטער ווי אזוי צו דאנקען אונזער ליבנסווירדיקן פריינט פאר זיינע אויספירנדיקע ווערטער און איך גיב איבער דאס ווארט איינעם פון די ווילן פון אונזער ישוב דעם אומדערמידלעכן קעמפער פאר יידיש טעאטער דעם פרעזידענט פון סוביוענץ־קאמיטעט פון פאנד סאציאל

פרעז פון כלל־טוערס — צי איך וועט מיר נאך אזוי לאנג טוען אין דער גאל אריין ? עס וועט זיך נאך היינט גיסן בלוט ! איך האב געבעטן א ווארט, יא, צי ניין ?!

פארזיצער : — שפעטער

פאנד סאציאל ; — קעסקע ווו יוזלעי ? טעאט יידיש ? ווער דארף עס ? עס פעלט אייך צרות ? פורקוא סא ? איר האט נישט קיין פינגע אויף אייער געלט ? טא האט באטש רחמנות אויף אונזער געלט ! ממה נפשך ! איז עס א כאן אפעיר דארף עס זיך אליין קענען אויסהאלטן איז עס ווידער א מאוועז אפעיר — :א ווער דארף עס ? נעמט א ביישפיל פון מיר — איך גיי קיינמאל נישט אין יידישן טעאטער און לעב אייך. אונזערע פאנדן זענען עפאיזע פאר צוועקן קאמסא איך האב דערמיט געענדיקט און ווארן אייך איר זאלט נישט מאכן קיין בעטינ. אויב איר קאנט מאכן א קעט, ארומגיין איבער די הייזער זאמלען געלט טא גייט איבער די הייזער.

פארזיצער — א הארציקן יישר כח פאר אייערע ווארעמע און פאטערלעכע ווערטער וואס האבן אזוי שטארק באליבטן אונזערע געמיטער דאס באווייזט אז ווען מען רעדט, דערעדט מען זיך איצט באקומט א ווארט דער אומדערשראקענער באוווקאזש פאר א יידיש טעאטער דער פרעזידענט פון לאנגיאריקן פאריין פון דערדל־שפילער.

(ווי טער אין קינפטיקן נומער)

לאכט פון זיי

א פראקטישע פראגע

אין א צוגאב־טולע גיט דער לערער צו פארשטיין די קינדער דעם באדייט פון תשעה באב און דערקלערט וואסער אימליק עס איז דעמאלט געשען . ש.עליט אייך פאר קינדערלעך דאס בית המקדש איז פארברענט געווארן; ? האט עמיצער פון אייך צו שטעלן א פראגע ?

א יינגערע שטעלט זיך אויף און פרעגט .

— זאגט מיר רבי צי דאס בית המקדש איז נישט געווען פארזיכערט קעגן א שרפה ?

ס׳האט פאסירט

א פארפארק איז געפארן אויף ווינטער־וואקאציעס קיין מאנטאן די פרוי האט מיטגענומען בערג מיט שמאטעס דער מאן האט זיך נעבעך געמיט שלעפן מיט די פעק ביים אנקומען צו דער באן זאגט דער מאן :

— א שאד וואס מיר האבן נישט מיטגענומען אויך די פיאנא.

— מאכסט חוזק פון מיר ? — האט זי אויף אים א ווארף געטאן א בייזן בליק.

— איך מיין דאס גאנץ ערנסט — ענטפערט ער מעלאנכאליש — איך האב איבערגעלאזן די באן־בילעטן אויף דער פיאנא

דער ריכטיקער פעלער

איינער א ייד האט געבראכט צו א זייגער־מאכער א בילעק זייגערל צו פאררעכטן. האט דער זייגער־מאכער א בליק געטאן אויפן זייגערל און זיך א קרים געטאן.

— דאס איז מיין שולד — האט דער קליענט געזאגט — וואס דאס זייגערל איז אין אזא שלעכטן צושטאנד. עס איז ביי מיר צוליב אומפארזיכטיקייט אראפגעפאלן אויף דער ערד.

— איר דארפט זיך נישט פילן שולדיק הלמאי איר האט עס אראפגעווארפן — האט דער זייגערמאכער אים געטרייסט — שולדיק זייט איר נאר דערין וואס איר האט עס אויפגעהויבן.

אומשטערבלעך

זי : — האסטו מיך ליב ?

ער — געוואלדיק !

זי — וואלסט געשטארבן פאר מיר ?

ער — ניין, טייערע מיין ליבע איז אומשטערבלעך.

אומעטום דיסקרימינאציע

בעת דער דעמאנסטראציע פון ערשטן מאי וואס די קאמוניסטן האבן ארגאניזירט אין חיפה, האט איינער פון זיי געהאלטן אין איין אויסרופן · נידער מיט דער דיסקרימינאציע צוליב געמיינדעמאטיוון !

איז צום דעמאנסטראנט צוגעקומען א מאראקאנער און אים א פרעג געטאן :

— נו. און אין מאסקווע איז נישטא קיין געמיינדע־דיסקרימינאציע ?

— ניין ! — האט דער קאמוניסט אויסגערופן,

— טא פארוואס גיט מען "ארט פרעמיעס דווקא די אשכנזים ?

E P I N G L E S
Directeur Gérant :
A. A. LIBERMAN
20, Allée des Bouvreuils à Drancy
(Seine)
Tel. AVIation 18-89

קארעקטאר — ד. מלמד

Imprimerie PAX, 17 r. St Joseph
PARIS 2e